בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

**פרשת וארא תשע"ו** | שבת מברכין שבט | **גליון 342 [שנה ח']**

## וואס איז דער חילוק פון סִבְלֹת און עֲבֹדָתָם

לָכֵן אֱמֹר לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל אֲנִי ה' וְהוֹצֵאתִי אֶתְכֶם מִתַּחַת סִבְלֹת מִצְרַיִם וְהִצַּלְתִּי אֶתְכֶם מֵעֲבֹדָתָם וְגָאַלְתִּי אֶתְכֶם בִּזְרוֹעַ נְטוּיָה וּבִשְׁפָטִים גְּדֹלִים. (ו ו) לכאורה איז שווער די דאפעלטע לשון פון סִבְלֹת מִצְרַיִם און וְהִצַּלְתִּי אֶתְכֶם "מֵעֲבֹדָתָם" וואס לכאורה מיינט די זעלבע זאך? נאר מען קען זאגן אז סִבְלֹת איז די שיעבוד און גלות מצרים וואס האט געדארפט זיין 400 יאר, נאר די קושי השיעבוד און שווערע עבודה האט משלים געווען צום זמן און די אידן זענען ארויס פאר די 400 יאר. דאס איז פשט אין פסוק וְהוֹצֵאתִי אֶתְכֶם מִתַּחַת סִבְלֹת מִצְרַיִם, וועסטו זאגן אז עס איז נאך דא א לאנגע צייט צו די 400 יאר! זאגט דער אויבערשטער, וְהִצַּלְתִּי אֶתְכֶם "מֵעֲבֹדָתָם", צוליב די שווערע ארבעט וועט איר באלד ארויס גיין פון מצרים, און וְגָאַלְתִּי אֶתְכֶם. (אפריון –בעל קיצור שו"ע)

## וואס מיינט וְהִרְבֵּיתִי אֶת־אֹתֹתַי וְאֶת־מוֹפְתַי

וַאֲנִי אַקְשֶׁה אֶת־לֵב פַּרְעֹה וְהִרְבֵּיתִי אֶת־אֹתֹתַי וְאֶת־מוֹפְתַי בְּאֶרֶץ מִצְרָיִם: וְלֹא־יִשְׁמַע אֲלֵכֶם פַּרְעֹה וְנָתַתִּי אֶת־יָדִי בְּמִצְרָיִם: (ז ג–ד) דארף מען פארשטיין די כוונה פון וְהִרְבֵּיתִי אֶת־אֹתֹתַי וְאֶת־מוֹפְתַי אז דער אויבערשטער וועט מערן נאך ניסים און מופתים ביי פרעה! ווייל עס זענען דאך געווען נאר 10 ניסים? נאר באמת פרעה האט דאך די גאנצע צייט איינגעזען אז דער אויבערשטער איז בעל הבית, און ער דרייט פרעה ווי ער וויל, און פונדעסטוועגן האט זיך פרעה כסדר געשטארקט און נישט געוואלט זיך צוהערן, איז דאס דאך געווען א נס פון אויבערשטן, ווייל בדרך הטבע וואלט זיך פרעה געדארפט ברעכן זיין עקשנות, קומט אויס אז מיט די צען מכות איז געווען אסאך ניסים אז פרעה איז געווען א עקשן און האט גלייך פארגעסן וואס ער האט געליטן. דאס מיינט וְהִרְבֵּיתִי אֶת־אֹתֹתַי וְאֶת־מוֹפְתַי, ווייל ביי יעדע נס איז געווען אסאך ניסים. (באר שמואל – אונסדארף) און באמת דער נס פון פארגעסן די פעטש וואס ער האט באקומען, האט זיך אנגעהויבן גלייך ביים שיעבוד, וַיָּקָם מֶלֶךְ־חָדָשׁ עַל־מִצְרָיִם אֲשֶׁר לֹא־יָדַע אֶת־יוֹסֵף: און אויף די פשט פון שנתחדשו גזירותיו, איז דאס געווען דער זעלבע פרעה, מוז מען זאגן אז דאס איז שוין געווען א נס פון אויבערשטן, אז דער זעלבער פרעה זאל אזוי שנעל פארגעסן די טובות וואס יוסף האט געטאן מיט מצרים, און וְלֹא־יִשְׁמַע אֲלֵכֶם פַּרְעֹה סיי די שווערע מכות. (שמח זבולון)

## וואס איז די כפל הלשון וַיִּהְיוּ וְהָיָה

וַיְהִיוּ דָם וְהָיָה דָם בְּכָל אֶרֶץ מִצְרָיִם: (ז' י"ט) לכאורה שטייט דא א כפל הלשון וַיִּהְיוּ וְהָיָה, ווייל עס וואלט געקענט נאר שטיין וַיִּהְיוּ דָם בְּכָל אֶרֶץ מִצְרַיִם און נישט וַיִּהְיוּ דָם וְהָיָה דָם? נאר מיר ווייסן אז ויהי איז א לשון פון צער אזוי ווי עס שטייט (מס' מגילה דף י ע"ב) ויהי בימי אחשורוש, אמר רבי לוי ואיתימא רבי יונתן דבר זה מסורת בידינו מאנשי כנסת הגדולה, כל מקום שנאמר ויהי אינו אלא לשון צער... און עס שטייט אין מדרש (בראשית רבה פ' מ"ב) אין והיה אלא לשון שמחה אז והיה איז א לשון פון שמחה. און חז"ל זאגן (דער אוה"ח הק' ז' כ"ב ברענגט דער מדרש רבה) אז אפילו ווען א איד מיט א מצרי האבן גענומען פון די זעלבע פלאש, איז געווען דם פאר די מצרי און וואסער פאר די אידן, און צוליב דעם זענען די אידן געווארן רייך, ווייל וואסער וואס מען האט געקויפט פון א איד איז געווען גוט! ממילא איז גוט וַיִּהְיוּ דָם, א צער, דאס איז געווען פאר די מצריים און וְהָיָה דָם א שמחה, דאס איז געווען פאר די אידן ווייל זיי זענען רייך געווארן. (הצדיק ר' משה איוויאר– חבר היסוד ושורש העבודה)

## די מסורה פון דיווארט קֹלֹת

וַיֹּאמֶר אֵלָיו מֹשֶׁה כְּצֵאתִי אֶת־הָעִיר אֶפְרֹשׂ אֶת־כַּפַּי אֶל־ה' הַקֹּלוֹת יֶחְדָּלוּן וְהַבָּרָד לֹא יִהְיֶה־עוֹד לְמַעַן תֵּדַע כִּי לַה' הָאָרֶץ: (ט כט) ברענגט דער בעל הטורים אז אויף די קולות איז געווען יֶחְדָּלוּן, אויפגעהערט דעמאלטס, אבער אויף בָּרָד שטייט לֹא יִהְיֶה־עוֹד. ווייל די קולות פון אויבערשטן וועט נאך צוריק קומען ביי מתן תורה אזוי ווי די דרשה פון גמ' (זבחים קטז.) "שכשניתנה תורה לישראל היה קולו הולך מסוף העולם ועד סופו" ע"כ. אין דעם פרשה שטייט עטליכע מאל דער ווארט קולות, וַיֶּחְדְּלוּ הַקֹּלוֹת, וַיַּרְא פַּרְעֹה כִּי־חָדַל הַמָּטָר וְהַבָּרָד וְהַקֹּלֹת און ביי מתן תורה שטייט (שמות יט טז) וַיְהִי בַיּוֹם הַשְּׁלִישִׁי בִּהְיֹת הַבֹּקֶר, וַיְהִי קֹלֹת וּבְרָקִים, צו ווייזן אז די קולות פון די פרשה איז געווען יֶחְדָּלוּן, אבער שפעטער אין פרשת יתרו איז ווייטער געווען קולות. (דרושי הרמבא"ד – ר' משה דייטש)

## אינטרעסאנטע ידיעות

די הייליגע רמב"ם שרייבט אין הלכות ספר תורה (פ"ז ה"ו) וז"ל נזדמנה לו בתוך השיטה תיבה בת עשר אותיות או פחות או יתר ולא נשאר מן השיטה כדי לכתוב את כולה בתוך הדף אם יכול לכתוב חציה בתוך הדף וחציה חוץ לדף כותב ואם לאו מניח המקום פנוי ומתחיל מתחלת השיטה, דאס איז א דין אז א ווארט אין תנ"ך וואס האט 9 אדער 10 אדער 11 אותיות, מעג דער סופר ארויסגיין פון די שיטה. האט געפרעגט די טאכטער פון הייליגן ב"ח – וואס איז געווען די ווייב פון הייליגן ט"ז – צו איר טאטן, וואו טרעפט מען א ווארט פון 9 אדער 10 אדער 11 אותיות אין תנ"ך. האט דער ב"ח איר געענטפערט אז פון 10 אותיות, איז אין אונזער פרשה, וּבְמִשְׁאֲרוֹתֶיךָ (ח' א'), 9 אותיות איז לְמִשְׁפְּחֹתֵיהֶם (בראשית ח יט), 11 אותיות איז אין די מגילה, וְהָאֲחַשְׁדַּרְפְּנִים. נאך האט ער געזאגט אז די גרעסטע פסוק אין תנ"ך איז אין מגילת אסתר (ח' ט') וַיִּקָּרְאוּ סֹפְרֵי־הַמֶּלֶךְ בָּעֵת־הַהִיא בַּחֹדֶשׁ הַשְּׁלִישִׁי הוּא־חֹדֶשׁ סִיוָן בִּשְׁלוֹשָׁה וְעֶשְׂרִים בּוֹ וַיִּכָּתֵב כְּכָל־אֲשֶׁר־צִוָּה מָרְדֳּכַי אֶל־הַיְּהוּדִים וְאֶל הָאֲחַשְׁדַּרְפְּנִים־וְהַפַּחוֹת וְשָׂרֵי הַמְּדִינוֹת אֲשֶׁר ׀ מֵהֹדּוּ וְעַד־כּוּשׁ שֶׁבַע וְעֶשְׂרִים וּמֵאָה מְדִינָה מְדִינָה וּמְדִינָה כִּכְתָבָהּ וְעַם וָעָם כִּלְשֹׁנוֹ וְאֶל־הַיְּהוּדִים כִּכְתָבָם וְכִלְשׁוֹנָם: וואס דאס אינהאלט 42 אותיות. (אוצר אפרים –שטיין)

*דעם שבת בענטשט מען ראש חודש שבט און דעם ר"ח איז ראש השנה לאילן, זאגן צדיקים אז מען קען בעטן אלעס גוט'ס אין דעם ראש חודש אזוי ווי מען בעט אין ראש השנה, א גוט יאהר*

## מדור העובדות

### דער הייליגער שינאווא רב הייסט פארן מיטן באן און דער איד באקומט זיין ישועה דארטן

הגה"ק ר' יחזקאל שרגא דער שינאווא רב בעל דברי יחזקאל, איז געבוירן אין שטאט טארניגראד שנת תקע"ה צו זיין הייליגן טאטן דער בעל דברי חיים מצאנז זצוק"ל

ער האט געהאט א חסיד זעליג וואס איז געווען א תמימות'דיגע דארף'ס איד וואס האט געהאט זיין פרנסה פון א שענק וואס איז געווען אין א גויאישע דארף, דער הויפטמאן פון דארף האט פשוט מקנא געווען דעם זעליג און ער האט געזוכט עצות ווי אזוי מען ווערט פטור פון איהם, און אזוי וועט ער קענען צונעמען די שענק פאר זיך! די הויפטמאן האט געהאט א פלאן: ער האט זיך באפריינדעט מיט זעליג'ן און זיך געדרייט כסדר אין שענק און געזוכט אים צו העלפן מיט וואס ער קען נאר. זעליג האט נישט געכאפט אז דער הויפטמאן האט עפעס שלעכטע כוונות און ער האט איהם געטרויט. איינמאל האט זעליג געדארפט אוועק גיין אויף א פאר שעה, האט דער הויפטמאן געזאגט פאר זעליג

אז ער וועט שטיין אין שענק ביז ער וועט צוריק קומען, און זעליג האט מסכים געווען. דערווייל האט דער גוי גענומען סם, וואס ער האט געהאט מיט זיך, און דאס אריין געלייגט אין די פאס פון די בראנפן.

ווען זעליג איז צוריק געקומען האט ער געדאנקט דעם הויפטמאן פאר זיין הילף, דערווייל איז די הויפטמאן געשטאנען אין א זייט און געווארט צו זעהן וואס דא גייט פאסירן! א גוי איז געקומען און געבעטן א טרונק און זעליג פילט אים אן. דער גוי טרינקט די בראנפן און עס געדויערט נישט לאנג און דער גוי איז אוועק געפאלן. מען טוט אלע מיטלען אים צוריק ברענגען אבער עס גייט נישט. דער גוי איז שוין געווען טויט. זעליג האט געשמעקט די בראנפן און ער האט דערשמעקט די סם! יעצט האט ער פארשטאנען די בייזע כוונה פון הויפטמאן, אבער עס איז נישטא קיין צייט צו טענה׳ן ווייל באלד וועט קומען די פאליציי און זיי וועלן געבן צו פארזוכן די בראנפן פאר א הונט און זיי וועלן אים איינזעצן. מיין לעבן איז ווערט מער פון מיין שענק. און אינמיטן די בהלה איז זעליג ארויסגעלאפן.

אהיים קען ער נישט גיין ווייל מען וועט אים דארט זוכן, איז ער געפארן צום הייליגן שינאווא רב, ער איז אריין צום רבין און דערציילט זיין מעשה און אויסגעגאסן די הארץ, און פרעגט דעם רבין וואס טוט מען יעצט עס איז א גרויסע סכנה? אבער דער רבי ענטפערט אים נישט אויף זיין פראגע נאר ער הייסט זעליג זאל יעצט ארויס גיין פון צימער און זעליג זאל אריינגיין אין בית מדרש, דארטן האט ער געטראפן א עלטערע איד פון די חסידים און ער האט איהם דערציילט די גאנצע מעשה און אז דער רבי האט אים נישט געענטפערט אויף זיין פראגע! האט איהם דער חסיד געזאגט אז ער פארשטייט אז דאס וואס דער רבי האט אים נישט געענטפערט, איז ווייל דער רבי וויל אז דו זאלסט דא בלייבן אין שינאווא און ווען עס וועט זיין די פאסיגע צייט אז דו זאלסט געהאלפן ווערן, וועט דער רבי דיר רופן.

זעליג האט נישט וואו צו גיין אבער לערנען האט ער נישט געקענט און האט געבעטן יענער חסיד אויב ער וויל אים אויסלערנען תורה און דער חסיד האט זיך גענומען לערנען די הייליגע תורה און א דרך אין עבודת ה׳ מיט זעליג׳ן, און זעליג האט זיך אריינגעלייגט אין א נייע עולם און האט פארגעסן פון די וועלט. זעליג איז געשטיגן אין לערנען און אין דאווענען. ויהי היום, איין טאג באקומט זעליג א באפויל אז מען רופט אים אריין צום רבין. זעליג איז שוין געווען גליקלאך אז זיין ישועה איז נאנט.

ער קומט צום רבין און דער רבי האט איהם געזאגט נישט ווארטן אפילו א מינוט נאר שנעל לויפן און נעם שוין די ערשטע באן קיין פשעסווארסק און וועסט מצליח זיין! זעליג ווערט צומישט און פרעגט דעם רבין וואס וועל איך דארטן טאן? דער גבאי האט געזען ווי זעליג איז מסופק האט ער אים אנגעשריגן: לויף שוין יעצט ווייל אויב דו וועסט זיך פארזוימען וועסטו דערלייגן דיין ישועה!

זעליג האט זיך גענומען לויפן צו די באן סטאנציע און ממש בנס געחאפט די ערשטע באן וואס פארט קיין פשעווארסק. אויפן באן איז ער געווארן צובראכן און צומישט. ווייל ער ווייסט נישט פארוואס און פאר ווען ער איז געגאנגען אויפן באן! און פון גרויס צובראכענקייט איז ער אריין אין די ערשטע וואגן און האט זיך געלייגט אויפן ערד און ער האט גענומען וויינען מיט קולות. די מענטשן אויפן באן האבן געמיינט אז דאס איז א משוגענע מענטש, און מען האט אים נישט אנגעקוקט, אבער איין מענטש וואס האט אויסגעזעהן ווי א נאבעלער מענטש איז צוגעקומען און געבעטן ער זאל אים זאגן פארוואס ער וויינט אפשר קען ער אים העלפן. זעליג האט זיך בארוהיגט און האט דערציילט זיין גאנצע מעשה. פרעגט איהם דער מענטש וואו איז זיין שענק און צו ער האט א פארדאכט אויף איינעם? זעליג זאגט פון וואו ער קומט און אז ער מיינט אז דער הויפטמאן פון דארף האט דאס געטאן ווייל ער האט שוין לאנג געוואלט די שענק פאר זיך. פרעגט אים דער מענטש פארוואס ביזטו געקומען אויף די באן?

ענטפערט אים זעליג: זיין ראבינער האט איהם שטרענג אנגעזאגט אז ער זאל חאפן די ערשטע באן וואס פארט קיין פשעווארסק! און איך ווייס נישט פארוואס און פארווען, דעריבער בין איך צומישט.

דער מענטש ווערט נתפעל און זאגט אז דיין ראבינער איז א ג-טליכע מענטש, ווייל איך בין דער אפיציר וואס דארף דיר אנקלאגן און יעצט אז דו האסט מיר דערציילט די גאנצע מעשה, פיל איך אז דו זאגסט דעם אמת, און איך זע אז דיין ראבינער האט הייליגע אויגן און האט געזען אז איך בין אויפן באן! ממילא וועל איך דיר העלפן, אז דו זאלסט ארויסגיין ריין פון דעם משפט. און זאגט פאר זעליג אז ער האט שוין א פלאן. יעצט זאלסטו גיין צו די פאליציי און גיב זיך איבער צו זיי ביזן משפט, און דארטן וועל איך דיר באפרייען. זעליג האט יעצט געזען די חסד ה׳ און געדאנקט דעם אפיצער און איז אהיים געפארן און זיך איבער געגעבן צו די פאליציי.

דערווייל האט יענע אפיצער געהאט א פלאן און זיך גענומען צו די ארבעט, ער האט זיך אנגעטאן מיט קליידער פון א פויער און איז געפארן צום דארף פון זעליג און ער שטעלט זיך פאר, פארן הויפטמאן, אז ער איז אויך א הויפטמאן פון א דארף און ער דערציילט אים אז א איד האט ביי אים אין דארף א שענק און ער זוכט א עצה ווי פטור צו-ווערן פון דעם איד און אוועק נעמען די שענק פון אים! זאגט אים דער הויפט, "איך האב א גוטע עצה און איך האב דאס אויך אזוי געטאן!" איך האב זיך פריינדלאך געמאכט מיט איד וואס האט געהאט דעם שענק און ווען דער איד האט נישט באמערקט האב איך אריינגעגאסן סם אין די פאס פון בראנפן. דערנאך איז איינער געקומען נעמען א טרונק און איז גלייך געשטארבן. און יעצט בין איך בעל הבית אויפן שענק! דער אפיצער האט אים ווארעם באדאנקט און איז אהיים געגאנגען.

דער טאג פון משפט איז אנגעקומען און דער שופט הערט די טענות קעגן זעליג און דער הויפטמאן פון דארף איז געקומען זאגן עדות אז ער האט געזעהן ווי א גוי האט געטרונקען פון די בראנפן ביי זעליג׳ס שענק וואס זעליג האט אריינגעלייגט אין דעם סם כדי צו הארגענען דעם גוי! דער שופט הייסט זעליג צו זאגן זיין צד פון די מעשה, און ער לייקענט אלעס און ברענגט זיינע ראיות אז ער האט דאס נישט געטאן. דער שופט מיט דער הויפט אפיצער זענען ארויס פון צימער דורכרעדן צווישן זיך כדי צו געבן א פסק, זאגט דער אפיצער צום שופט, אז ער האט א וועג צו קומען צו דעם אמת אין די מעשה, און דערציילט פארן שופט זיין באגעגענען מיטן הויפטמאן אין זיין שענק און אז ער האט מודה געווען אז ער האט אריינגעלייגט די סם! און זאגט פארן שופט וואס איז זיין פלאן. דער שופט איז נתפעל געווארן פון די חכמה פון דעם אפיצער און האט מסכים געווען. דער אפיצער האט זיך אנגעטאן די פויערישע און פשוטע קליידער און מען האט אים נישט דערקענט און ער איז ארויס פון בית המשפט.

דער שופט קומט אריין און זאגט אז עס גייט אריינקומען א עדות וואס וועט באווייזן ווער איז שולדיג! די טיר עפענט זיך און דער פויער קומט אריין אין בית המשפט און איז צוגעגאנגען צום שופט, דער שופט זאגט אז דאס איז די עדות. דער עדות פרעגט דעם שופט צו ער קען עפעס פרעגן פון די הויפטמאן? און דער שופט ענטפערט אז יא! ער גייט צו און פרעגט דער הויפטמאן " דו דערקענסט מיר?" האט ער געזאגט, יא! דו ביזט געווען נישט לאנג צוריק אין מיין שענק. אזוי! און וואס טוט מען אז מען וויל צו נעמען א שענק פון א איד? מען לייגט אריין סם אין די בראנפן! זאגט דער פויער איך בין דער אפיצער און דער הויפטמאן איז געווארן צומישט און דערשראקן און האט זיך שוין נישט געקענט ארויסדרייען און ער האט מודה געווען אז ער האט טאקע דאס געטאן און ר׳ זעליג האט מען ארויסגעלאזט פריי.

נאכדעם האט דער אפיצער דערציילט פארן שופט ווי אזוי ער האט געקענט באווייזן די אומשולד פון זעליג און נאר דורך די גרויסקייט פון שינאווא רב און עס איז געווארן א גרויסן קידוש ה׳.

נישט קוקן אין דעם חלק במשך השבת קודש: *הוצא לאור ע״י ״עולם הספרים״ המרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד- צו פארקויפן -*
ספר שארית ישראל ווילעדניק דפוס ראשון א סגולה אויף שמירה, תהלים בן ביתי סגולה פאר גוטע קינדער און לכל דבר 1500$. עטליכע בריוו פון הגאון ר׳ יונתן שטייף פון פעסט. חידושים שונים בכת״י מהגאון ר׳ צבי הירש וואלק אב״ד פינסק בעל כתר כהונה על הספרי. מטבע משנת תשע״ג לכבוד 250 יאר געבורטס פון חתם סופר צו פארקויפן 500$, קול קורא פון חפץ חיים תרפ״ט פון ווילנא וועגן טהרת המשפחה 600$, פסק דין פון הייליגע נודע ביהודה און זיין חתימה, גרויסע תהלים דפוס זיטאמיר 5000$, מחזור פאר אלע 5 ימים טובים דפוס זיטאמיר נוסח ספרד 8500$ , בריוו פון הגאון ר׳ אליעזר ראביאוויץ דער מינסק גדול, תשובה פון הגאון מהרי״א אסאד 7500$, תשובה פון הייליגן דברי יואל 5 שורות כת״י בלי חתימה. פסק דין פון פנים מאירות. קומט אריין און איבערצייגט זיך. א בריוו פון הייליגן דברי חיים מצאנז און פון דברי יחזקאל משינאווא, פון דברי חנה, ספר מגיני שלמה ויניציא תק״א עם חתימת ר׳ פייוויל פלויט תלמיד חתם סופר. חידושי הרשב״א קידושין עם הגהות הגאון ר׳ צבי יעקב דיקמאן, הכתב והקבלה דפוס ראשון, ספר נדיר מיט צוויי חתימות פון הגה״ק ר׳ יחזקאל מערץ.

**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or**
**pickup in the store from Thursday** מען קען באקומען דעם גליון אין די ספר גליונות
**WWW.SEFORIMWORLD.COM** --- **http://ladaat.info/gilyonot.aspx** אדער אויף לדעת

 פרשת וארא גליון 342